

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער** זצ"ל

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

כי תבא
תשפ"ה לפ"ק
גליון רל"ב

## פראגע

### וואס וואלט איר געזאגט איז די ציל פון די גאנצע וועלט?

**ענטפער:**

**די** וועלט איז באשאפן געווארן פאר'ן ציל פון האבן **תענוג.** איינער פון מיינע גרויסע רבי'ס ז"ל אין סלאבאדקע – איך געדענק עס ווי נעכטן – ער האט געזאגט ווי פאלגענד: די ערשטע ווערטער פונעם מסילת ישרים זענען לייגט צו קאפ. **"האדם לא נברא אלא להתענג על ה'"** – א מענטש איז באשאפן געווארן בלויז פאר'ן ציל פון הנאה האבן פון די זיסקייט פונעם אויבערשטן.

וואו זענען די הנאות? אין עולם הבא. אזוי לערנט יעדער איינער פשט. אז די וועלט איז באשאפן געווארן זיך צו מתענג זיין פונעם אויבערשטן אין עולם הבא. מיר **גרייטן זיך** אן דא אז מיר זאלן קענען הנאה האבן דארטן. דאס איז דער **פשוט'ער פשט.**

עס איז אבער דא נאך א באדייט, וואס איז אויך אמת. **"האדם לא נברא אלא להתענג!"** – די וועלט איז באשאפן געווארן בלויז פאר תענוג. שטעל דיך אפ! עס איז אויסדרוקליך אמת. צדיקים גלייכן עס נישט... תענוגים?! תענוגים אין עולם הבא, יא. אבער אויף דער וועלט? זיי זענען אבער נישט קיין צדיקים... א צדיק דארף פארשטיין אז דער באשעפער האט געמאכט 'די' דאזיגע וועלט פאר תענוגים.

עס איז אזא גוטע וועלט אז דער מסילת ישרים אין איין פלאץ ארבעט שווער אונז צו איבערצייגן אז די וועלט איז נישט די ענדגילטיגע פלאץ. איר הערט?! פאר אונז קוקט עס אויס ווי א שאד די צייט. ער שפירט פאר וויכטיג אונז צו איבערצייגן אז די וועלט איז נישט די ענדגילטיגע פלאץ! ער ווייזט עס איבער מיט א ראיה אז קיינער בלייבט נישט דא אויף אייביג. עס קומט אמאל צו אן ענדע. צומאל זענען דא צרות און פראבלעמען. מיר זענען איבערראשט פון זיינע ווערטער! היעלה על הדעת? ווער האט געטראכט אז די וועלט איז די ענדגילטיגע פלאץ?!

אבער ער האט געוואוסט אז אויך די וועלט איז אזא פרייליכע פלאץ; דאס לעבן איז זייער זיס! עס איז אזוי גוט צו לעבן! עס איז א מורא'דיגע געשמאק צו זיין צוויש די לעבעדיגע. דער תענוג פון עולם הזה! און דערפאר איז דא א מעגליכקייט פון מאכן א טעות און טראכטן אז דא איז די עיקר פלאץ. און וועגן דעם זאגט ער "ניין. עס קומען נאך גרעסערע תענוגים ווי דאס."

מענטשן וואס זענען נישט געוואוינט צו טראכטן אזוי וועלן עס נישט פארשטיין. איר דארפט אוועקגעבן א חלק פון אייער לעבן צו לערנען די נושא – ווי גוט עולם הזה איז. איר דארפט עס שטודירן. (TAPE # E-262)

## פראגע

### וואס זאל א מענטש טוט אויב זיין פרנסה פארלאנגט פון אים זיך צו דרייען אגאנצן טאג צווישן גוים?

**ענטפער:**

**איך** וועל אייך פרעגן אן אנדערע פראגע: וואס זאל א מענטש טון אויב זיין פרנסה איז צו זיין א "רועה בקר", ער דארף אבאכט געבן אויף קיען אגאנצן טאג?... און דער ענטפער איז – זיי זענען קיען. במילא פיר דיך אויף שיין צו די קיען. שטויס נישט די קיען... ניין, מען שטויסט נישט קיין קוה. א קוה מעלקט מען און דאס אלעס.

## **שואל:** אבער וואס טוט זיך אויב די קוה שטויסט אים?

**ענטפער:**

אויב די קוה שטויסט דיר, לוינט זיך נישט צוריקצושטויסן. דו דארפסט דאך האבן די קיען צו מאכן פרנסה. די זעלבע זאך דארפסטו טראכטן אז זיי זענען קיען און דו דארפסט זיי האבן צו מאכן פרנסה, און דאס אלעס. אסאך מאל קען א קוה געבן א שטויס, דארפסטו שמייכלען און עס דולדען. נישט צוריקשטויסן.

## **שואל:** אבער איך האט געערדט היינט וועגן די וויכטיגקייט פון זיך האלטן אפגעשיידט פון גוי'אישע השפעות. וויאזוי קען איך עס טון אויב איך האנדל מיט זיי אגאנצן טאג?

**ענטפער:**

אהא! דאס איז אן ערנסטע שאלה. מיינט נישט אז עס איז א פוסטע שאלה. עס איז נישט קיין פראגע אז עפעס רייבט זיך אן אין דיר, אויסדרוקליך. בכלליות דארפן מיר וויסן אז כאטש אונזער געדאנקענגאנג אויף זיי, איז אבער די פאקט אז זיי זענען גוים און מיר דארפן זיין זייער וואכזאם ווייל עס רייבט זיך אן. אבער איר קענט זיך נישט העלפן. וואס קענט איר טון?

דערפאר, אויב איר ארבעט אין אזא סארט סביבה דארפט איר לערנען אביסל מער יראת שמים אין אייער פרייע צייט. איר דארפט לערנען מער מוסר ווי א כולל-אינגערמאן. במילא ווען איר קומט אהיים, בשעת איר עסט נאכטמאל, אפשר זאלט איר אריינקוקן אין מסילת ישרים. געוויסע מענטשן טוען עס. זיי קוקן אין מסילת ישרים ווען זיי עסן נאכטמאל. עס איז א וועג פון אביסל איסוואשן זייער מח פון וואס עס איז אריינגעגאנגען דורכאויס'ן טאג.

סיי-וויאזוי, דארפט איר עפעס טון דערוועגן. עס איז נישט אזא פשוט'ע פראגע. עס איז גארנישט פשוט. איר האט א היתר עס צו טון, דאן גייט ארבעטן. איר קענט זיך נישט העלפן, אבער עס איז בכלל נישט קיין פשוט'ע זאך.

(TAPE # E-256)

## פראגע

### אויב חודש ניסן איז די ערשטע חודש אין די תורה, פארוואס איז ראש השנה אום תשרי?

## ענטפער:

**תשרי** איז די געבורטסטאג פון די וועלט, און ניסן איז די געבורטסטאג פון כלל ישראל. חודש ניסן זענען מיר ארויסגעגאנגען פון מצרים און געווארן א פאלק. ווי מיר זאגן ביים דאווענען **"יוצרינו יוצר בראשית"**, עס זענען דא צוויי יצירות. **"יוצרינו"** מיינט אז ער האט אונז באשאפן אלס א פאלק, און "יוצר בראשית" – ער האט באשאפן די וועלט ביים אנהייב.

במילא, די בריאה פון כלל ישראל איז געווען פסח, און וועגן דעם איז עס די ערשטע חודש פאר אלע מועדים, אבער איינמאל א יאר – ראש חודש תשרי, פראווענען מיר דעם יארטאג פון ווען דער באשעפער האט באשאפן די וועלט.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!




פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!

אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973



בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עוֹנֶג שַׁבָּת
אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
נאר אידיש
עוֹנֶג שַׁבָּת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
לה"ק אידיש
$4.00
מַרְגָּנִיתִין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
זמירות שבת
$1 א וואך מועדים $3
ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב